# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

חג הפסח
תשפ"ב לפ"ק
גליון רט"ב

**פראגע**

## פארוואס איז די תורה אזוי אינטערעסירט אז פסח זאל אייביג אויספאלן אין די "חודש האביב" – פרילינג? וואס א חילוק אין וועלכן סעזאן מיר פראווען פסח?!

**ענטפער:**

**און** דער ענטפער איז אז די תורה וויל מיר זאלן פייערן פסח מיט א געוויסע מאס פון פיזישע פרייליכקייט, פיזישע הכרת הטוב.

יעדע יום טוב האט צוויי נעמען. דער יום טוב פון קבלת התורה רופן מיר **שבועות**, אבער עס ווערט אויך גערופן אין די תורה **"חג הביכורים"** – דער יום טוב פון די רייפע פרוכט. וואס האט איינס מיט'ן צווייטן? דער ענטפער איז אז ווען מען קייט א געשמאקע, רייפע פרוכט איז פיל גרינגער זיך צו פרייען מיט קבלת התורה. וועגן דעם ווען מען מאכט א סיום, זעצט מען זיך צו א סעודה און מען עסט. פארוואס זאל מען עסן? וואס האט עסן צו טון מיט'ן ענדיגן א מסכת?!... דער ענטפער איז, אז ווען מען עסט איז גרינגער זיך צו פרייען אויך מיט די רוחניות'דיגע זאכן.

**סוכות** הייסט אויך **"חג האסיף"** – דער יום טוב פון איינזאמלען די תבואה. וואו קומט דא אריין תבואה? ווער האט גערעדט פון תבואה? סוכות איז דאך צו געדענקען די סוכות וואס אונזערע אור-עלטערן האבן געמאכט אין מדבר?!

דער ענטפער איז אז נאכדעם וואס די שניט פונעם סעזאן איז פארפאקט אין די זעק, די קעלערן זענען אנגעשטאפט מיט ווייץ, גערשטן און קארן, און מען האט גרויסע פעסער פול מיט וויין און אויל, און מ'איז גרייט פאר'ן ווינטער, פאר א לאנגן ווינטער פון אסאך גוטע מאלצייטן, פון גוטע צייטן, דעמאלטס איז גרינגער צו פייערן דעם יום טוב.

און וועגן דעם איז פסח אויך אינעם חודש האביב; דאס איז ווען די תבואה ווערט גרייט צום שניידן. ווייל דאס מאכט אונז מער דאנקבאר און מער גרייט אריינצונעמען אין זיך די לימודים וואס מיר גייען לערנען אגאנצן פסח.

שבת איז די זעלבע זאך. פארוואס דארפן מיר עסן חלות און טרונקען וויין? מיר וואלטן זיך ווען געדארפט אראפזעצן ביי א ליידיגן טיש, מיט א ווייסע טישטוך אויב איר ווילט, און די מאמע פון די הויז וואלט געדארפט סערווירן חומשים פאר יעדן, און דאס אלעס... מיר וואלטן איפגעמישט צו בראשית און געלערנט וועגן בריאת העולם!?

דער ענטפער איז אז ווען מען עסט חלה, פיש און פלייש און אנדערע גוטע זאכן, איז גרינגער צו זיין דאנקבאר און צו קענען אינספירירט ווערן פון נאבעלע געדאנקען.

אלזא געדענקט! קומענדיגע מאל איר שלעפט אריין א בחור פון גאס און איר פרובירט אים צו מאכן פאר א בעל תשובה, פיטערט אים נישט נאר הייליגע זאכן; מאכט זיכער אז עס זאל זיין אסאך ניסלעך אויפ'ן טיש, אויך קענדיס, קוכן און סאדע. סאדע איז די וויכטיגסטע! און בשעת ער טרונקט די סאדע וועט זיך אייערע ווערטער אראפגליטשן צוזאמען מיט דעם.

און דאס איז די גאנצע תורה. די תורה איז **תורת חיים**, די תורה פון לעבן. אונזער תורה איז א תורה פון לעבן. וועגן דעם איז נישט דא ביי אונז אזא זאך ווי זאגן פאר אן ערליכן מענטש נישט צו חתונה האבן, אדער צו זיצן אין א צעל א גאנץ לעבן – דאס ארבעט

ניסט. די סארט זאכן זענען נישט עכט; די תורה זאגן אז יעדער איינער זאל חתונה האבן. יעדער!

אלע אונזערע הייליגע צדיקים האבן געלעבט א נארמאלע לעבן. דאס איז א תורה'דיגע לעבן. די תורה איז איינגעגלידערט מיט א נארמאלע לעבן לויט די אנווייזונגען פונעם גרויסן עקספערט פון מענטשליכע נאטורן – דאס איז דער אויבערשטער! אויב מען טיילט אפ אידעאליזם פון א פרייליכע לעבן, מיינט דאס אז מען צווינגט ארויף אומנאטורליכע מהלכים וואס קען נישט מצליח זיין. (#116)

## פראגע

**פסח דאנקען מיר השי"ת פאר'ן אונז אויסלייזן פון די שיעבוד מצרים. מיין פראגע איז, פארוואס איז זיך אונז בכלל געקומען די צרות אין מצרים אינעם ערשטן פלאץ?**

## ענטפער:

**לאמיך** אייך עפעס מסביר זיין. מיר דארפן רעאגירן צו א מצב לויט וויאזוי עס איז – נישט קיין חילוק צי עס איז זיך אונז געקומען אדער נישט. דאס איז שוין א צווייטע שאלה. די הויפט שאלה איז, **וואס איז אונזער חיוב יעצט אז ער האט אונז אויסגעלייזט פון מצרים?**

עס איז אזוי ווי א מענטש וואס איז ר"ל געווארן קראנק, און דערנאך איז ער אויסגעהיילט געווארן, און יעצט זאגט ער, "פארוואס זאל איך דאנקען הקב"ה פאר'ן מיך אויסהיילן? פארוואס האט ער מיר בכלל געמאכט קראנק?" דאס איז נישט קיין אויסגעהאלטענע בליק.

יעצט דער אמת איז, אז מיר קענען יענץ אויך ערקלערן: אפשר האסטו זיך אליינס געמאכט קראנק? אפשר האסטו נישט אבאכט געגעבן אויף דיין געזונט? אדער אפשר איז דיר זיך געקומען עפעס א שטראף?

מיר זאגן אין די ברכה פון רפאינו "**והעלה רפואה שלימה לכל מכותינו**" – מיר בעטן אז דער אויבערשטער זאל אונז אויסהיילן פון אלע "**מכות**". פארוואס ווערן מחלות גערופן מכות? ווייל א מחלה איז באמת **א מכה**, אזוי ווי א טאטע וואס **שלאגט** זיין קינד. ער מוסר'ט אים. מחלות זענען תוכחה. מען איז נישט קראנק פאר גארנישט, דעריבער רופן מיר עס א מכה. במילא מסתמא האבן מיר פארדינט די סארט באהאנדלונג, אדער צוליב אן אנדערע גוטע סיבה.

דאס אראפגיין קיין מצרים האט געהאט גאר א גוטע סיבה. ווען אונזערע אור-עלטערן זענען אראפגעגאנגען קיין מצרים איז עס געווען פאר זייער תועלת. מיר וועלן האבן צייט עס אויסצושמועסן א צווייטע מאל. אבער זייער רייזע קיין מצרים איז געווען זייער א גרויסע טובה פאר אונז.

אבער דאס איז נישט אונזער נושא יעצט. סיי-וואס די סיבה פאר'ן אראפגיין קיין מצרים איז נאר געווען, זענען מיר למעשה געווען דארט. ס'איז א פאקט. און מיר זענען געווען פארשקלאפט, דאס איז אויך א פאקט. און דערפאר, דארפן מיר אלעמאל האבן הכרת הטוב אין אונזערע הערצער צו השי"ת פאר'ן אונז אויסלייזן פון דעם שווערן שיעבוד אין מצרים. #402

## פראגע

**וואס איז פשט פון "חד גדיא"?**

## ענטפער:

**חד** גדיא איז א "סיסטעם" וואס דער אויבערשטער האט אויפגעשטעלט וויאזוי די וועלט זאל אפערירן. אז די פארלענדערס זאלן צום סוף אליינס פארלענדט ווערן. עס איז א **מהלך** וואס האלט זיך אין איין איבער'חזר'ן אין היסטאריע, איין משחית מאכט חרוב דעם צווייטן.

עס איז א יסוד וואס הלל הזקן האט געזאגט "**אל דאטפת אטפוך, וסוף מטיפיך יטופון**" (פרק אבות ב, ו). ווען הלל האט געזען א גולגולת (א קאפ-שארבן) שווימט אויפ'ן וואסער, האט ער געזאגט "דו ביזט דערטראנקען געווארן ווייל דו האסט דערטראנקען א צווייטן. און דער וואס האט דיר דערטראנקען וועט אויך צום סוף דערטראנקען ווערן." און אז מיר קוקן דורך די היסטאריע זעען מיר אז דאס געשעט אלעמאל.

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

די אימפעריע פון "אשור" - וואס האט אינוואדירט די לאנד פון די עשרת השבטים און זיי פארטריבן - איז חרוב געווארן דורך בבל. בבל איז צום סוף איבערגעווארפן געווארן דורך פרס. פרס איז עווענטועל איינגענומען געווארן דורך יון, און אזוי ווייטער. איין לאנד פאלט נאכן אנדערן. דאס איז די פלאן פון היסטאריע, אז די פעלקער זענען נישט אויף אייביג.

און דאס קומט אונז אויך פסח לערנען. **פסח** מיינט **איבערהיפן**. ווען דער משחית קומט, מאכט ער חרוב יעדן איינעם חוץ איין פאלק: **כלל ישראל וועט פארבלייבן אויף אייביג!**

דער כלל איז אלע פעלקער ווערן עווענטועל אפגעווישט איז נישט פעליג ביים עם ישראל. און וועגן דעם זאגן מיר "חד גדיא" ביים סוף פונעם סדר. עס וועט אייביג איבערבלייבן דער חד גדיא, די איין קליינטשיג ציגעלע וואס וועט פארבלייבן ביזן ענדע.

## פראגע

**פארוואס האט משה רבינו געזאגט פאר פרעה אז די אידן ווילן ארויסגיין בלויז אויף 3 טעג, אויב באמת האבן זיי קיינמאל נישט געפלאנט צוריקצוקומען?**

## ענטפער:

**דאס** איז א גוטע פראגע. ווען משה רבינו האט געבעטן פרעה אז ער זאל ארויסלאזן די אידן פון מצרים, האט ער געזאגט דריי טעג. און – בדרך אגב – ווען זיי האבן גענומען כלים פון די מצריים בעפאר זיי זענען ארויסגעגאנגען, האט זיי עס **געבארגט**. זיי האבן געזאגט פאר די מצריים אז זיי בארגן עס נאר. ס'איז א גוטע קשיא.

איך דארפט פארשטיין אז יעדער איינער האט געוואוסט אז ווען זיי גייען ארויס פון מצרים קומען זיי מער נישט צוריק. יעדער האט עס געוואוסט. נאר כדי נישט צו זיין חוצפה'דיג – ער האט גערעדט צו א קעניג נאך אלעם – האט משה רבינו געזאגט דריי טעג. אבער פרעה האט קלאר פארשטאנען אז זיי מיינען נישט צוריקצוקומען. זיי ווילן אנטלויפן. וועגן דעם האט ער געזאגט **"מי ומי ההולכים?"** – ווער גייט אלץ מיט? וועלן ענק איבערלאזן דא די קינדער? וועלן ענק איבערלאזן ענקערע בהמות?

און משה האט געזאגט "מיר לאזן גארנישט דא. גארנישט."

"גארנישט?" האט פרעה געזאגט. "אויב אזוי, לאז איך ענק נישט ארויס!" פרעה האט געוואוסט וואס עס גייט פאר. ער האט פארשטאנען. אבער משה רבינו האט געזאגט דריי טעג, ווייל דאס איז געווען די שיינע וועג עס צו זאגן. די שיינע וועג איז געווען צו בעטן "לאז אונז גיין אויף 3 טעג". באמת איז עס בלויז געווען א שיינע איסדרוק פון זאגן "נישט צום ווידערזען! אויף אייביג"...

און ווען די אידן זענען געקומען צו זייערע מצרי'שע שכנים צו בארגן, וואס איז מיט דעם? א איד איז געקומען צו זיין שכן קעגן איבער און געבעטן "קענסט מיר ביטע בארגן דיין גאלדענעם קייטל?"

בארגן? אודאי!... בארגן! די מצריים זענען געשטאנען דארט ממש מלא אימת מות. ער האט זיך געווארפן פאר שרעק, ציטערנדיג יעדע מינוט אז ער גייט שטארבן. די מצריים זענען געפאלן ווי די פליגן אויף אלע זייטן. אלע בכורים זענען אפגעשטארבן. **"ומצרים מקברים את אשר הכה ה'"** (במדבר לג, ד). איבעראל האט מען באערדיגט טויטע מצריים. נו וואס האסטו ערווארטעט דער מצרי צו טון? נישט צו געבן זיין גאלדענע קייטל? אבער בלויז צו רעדן שיין, האט דער איד געזאגט "בארג מיר דיין קייטל", עס איז געווען א שיינע וועג פון זאגן, **געב מיר עס**. (E-265#)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com



דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










$1 א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

**קאסטום לויט אייער געשמאק**










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק
http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב